ד. אויפן סוף הפרשה שטעלט זיך רש"י אויף "והעם לא נסע" און זאגט: "זה הכבוד חלק לה המקום בשביל שעה אחת שנתעכבה למשה כשהושלך ליאור, שנאמר ותתצב אחותו מרחוק וגו'".

בפשטות קומט אויס, אז רש"י וויל דא פארענטפערן אין פשוטו של מקרא, אז לכאו' איז דער פסוק איבעריק, ווייל עס שטייט דאך שוין ותסגר מרים שבעת ימים ואח"כ נסעו כו', ובמילא איז דאך פארשטאנדיק אז די אידן האבן געווארט אויף איר, פארוואס דארף די תורה מוסיף זיין והעם לא נסע? און דאס קומט רש"י פארענטפערן אז דאס באווייזט בכדי לחלוק כבוד למרים כו'.

דא איז ניט פארשטאנדיק:

א) ס'איז פאראן אזעלכע וועלכע צייכענען צו, אז דאס נעמט רש"י פון די משנה אין סוטה (ט,ב), דארטן אין דעם משנה איז דער לשון "שהמתינו ישראל", אז די אידן זיינען געווען אט די וועלכע האבן איר אפגעטיילט כבוד, איז פארוואס איז רש"י משנה דעם לשון און זאגט "חלק המקום כבוד"?

ולכאו' אין פשטות הכתובין שטייט דאך "והעם לא נסע", אז דער ענין איז פארבונדן מיט די אידן, איז פון וואנעט נעמט רש"י אין פשוטו של מקרא זאגן אז דאס נעמט זיך מצד דעם אויבערטן?

ב) ווי געזעדט שוין כמה פעמים, אז רש"י איז בדיוק ניט נאר אין דעם תוכן, נאר אויך אין די תיבות וועלכע ער ברייננגט אראפ, דארף מען פארשטיין פארוואס דארף רש"י אראפברייננגען דעם ווארט "מרחוק" ולכאו' וואלט געווען מספיק אויך אן דעם?

מען קען ניט זאגן, אז מיט דעם וויל רש"י מרמז זיין אז דאס רעדט זיך וועגן איר ברודער משה, ווייל א) פון דעם ווארט מרחוק זעט מען ניט וועגן וועמען עס רעדט זיך, ב) דאס ווערט דאך שוין מרומז אין דעם "וגו'" וואס רש"י צייכענט צו, במילא האט ער דאך געקענט ברייננגען דעם וגו' גלייך נאך דעם ווארט אחותו?

נאכמערער דא איז בכלל ניט נוגע אז ס'רעדט זיך וועגן איר ברודער משה, ואדרבה, ס'איז א גרעסערע מעלה פאר מרים בשעת עס רעדט זיך וועגן סתם א מענטשן, אז אפילו דארטן האט זי אויך צוגעווארט, און ניט נאר אויף א אייגענעם ברודער, דארף מען דאך פארשטיין וואס מיינט דא רש"י באווארענען מיט דעם "מרחוק"?

ג) לכאו' מיט וואס באשטייט דא דער כבוד וואס מ'האט אפגעגעבן מרים? מ'קען אין דעם זאגן ב' הסברות, א) אויב די אידן וואלטן אוועקגעגעבן וואלט זי דאך געדארפט איבערבלייבן אליין, און דאס איז העדר הכבוד, ב) אויב מ'וואלט געפארן אויף א צווייטען ארט, וואלט דאך נתפרסם געווארן (אויך אין יענעם שטאט) אז מרים איז א מצורעת, ובמילא וויבאלד אז חלקו לה כבוד זיינען אלע געבליבן דארטן.

נאר באמת זיינען די צוויי הסברות ניט אויסגעהאלטן: - דעם ערשטן: ווייל עס ברייננגט זיך אין שו"ע אדה"ז בנוגע בשעת איינער פארט מיט א שיירא אין מדבר, איז ער מחויב מתנה זיין מיט דעם בעל השיירא, ער זאל ניט פארן בשבת, בשעת אבער ס'קומט שבת און ער וויל זיך ניט אפשטעלן, יעמאלט קען ער מיט פארן מיט זיי, ווייל ס'איז א סכנה בלייבען אין מדבר אליין, ועד"ז איז אויך מובן דא, וואס דא רעדט זיך ווען די אידן זיינען געווען במדבר (ווי עס שטייט ויסעו ממדבר חצירות וגו') ובמילא איז דאך געווען א סכנה אז מרים זאל בלייבן אליין, און אויב די

אידן וואלטן פון דארטן אוועקגעפארן, וואלט זי אויך מיטגעפארן מיט זיי, ובמילא קען מען דאך ניט זאגן אז דאס מיינט "חלק לה המקום כבוד" וויבאלד אז סיי ווי וואלט זי ניט געבליבן אליין.

דער צווייטער הסבר קען מען אויך ניט זאגן: וויבאלד אז די אידן זיינען דאך געווען במדבר כנ"ל (און דארטן איז ניט געווען קיינע מענטשן) איז אפילו בשעת זיי וואלטן געפארן ווייטער וואלט דאך דער ענין סיי ווי ניט נתפרסם געווארן, ווארום ס'וואלט ניט צו געקומען קיינער וועלכע וועלן וויסן וועגן דעם, ובמילא דארף מען דאך פארשטיין אין וואס באשטייט דא דער "חלקו לה כבוד" מיט דעם וואס זיי זיינען ניט געפארן ווייטער?

דאס וועט ווערן פארשטאנדיק עפ"י א חקירה אין הלכה און אויך אין שכל הפשוט: עס איז דא א חקירה אין דעם וואס די תורה זאגט אז א מצורע דארף זיין **מחוץ למחנה**: צי דער פשט אין דעם איז אז עס מוז זיין א מחנה, און דער מצורע דארף זיין מחוץ למחנה, און דוקא יעמאלט ווערט ער טהור, אדער מ'קען זאגן, אז עיקר הענין איז וואס דער מצורע איז ניט אין מחנה, אז דעמאלסט ווערט ער טהור.

דער חילוק אין דעם כאפט פשוט: בשעת ס'איז בכלל ניטא קיין מחנה, אויב מ'וועט זאגן כאופן הא' אז ער מוז זיין מחוץ למחנה, ד.ה. עס מוז זיין א מחנה און דער מצורע דארף זיין מחוץ הימנה, יעמאלט וועט ער באופן כזה ניט קענען טהור ווערן, אויב אבער מיר וועלן זאגען כאופן הב' אז עס איז ניט נוגע צי עס איז דא א מחנה, דער עיקר איז וואס ער איז ניט אין א מחנה, וועט ער אויך ביי דעם אופן טהור ווערן.

ווי קען זיין ס'זאל ניט זיין א מחנה? איז לויט די דעות וועלכע האלטן אז אויך איצטער איז דא טומאת מצורע, איז זיכער פארשטאנדיק, ווארום איצטער איז דאך ניטא קיין מחנה (ביהמ"ק) ובמילא שטעלט זיך איצטער די שאלה צי ער ווערט טהור.

ואפילו לויט די דעות וועלכע האלטן אז טומאת מצורע איז נאר ווען דער ביהמ"ק איז קיים, קען דאס זיין באופן אז ער איז טמא געווארן כמה ימים פאר השעה באב (כשחרב ביהמ"ק) און זיינע זיבן טעג האבן זיך ניט געענדיקט פריער, ובמילא בלייבט דאך כמה ימים וואס עס איז אן א מחנה, איז אויב מ'וועט זאגן כאופן הא' וועט ער דא ניט קענען טהור ווערן, נאר ער מוז ווארטן ביז עס ווערט ווערן אויפגעבויט דעם צווייטן ביהמ"ק וועט ער יעמאלט זיין מחוץ למחנה וועט ער טהור ווערן, משא"כ לפי אופן הב' ווערט ער טהור גלייך אויך אן דעם ביהמ"ק.

אט דער חקירה קען מען קלערען בלויז ביי א מצורע סתם, וואס ביי אים שטייט ב' ענינים א) יסגר מחוץ למחנה, ב) בדד ישב וגו', ווייל פון "בדד ישב" קען מען דאך זאגן אז עיקר כוונת ההורה איז אז ער זאל זיין אליין, און ס'איז ניט נוגע צי עס איז דא מחנה, נאר מיט דעם אליין, וואס ער איז ניט מיט אלעמען, ווערט ער טהור, אדער מ'קען זאגן אז ס'דארף זיין "מחוץ למחנה" דוקא.

דא ביי מרים אבער שטייט דאך בלויז תסגר שבעת ימים מחוץ למחנה, (און עס שטייט ניט בדד ישב) ובמילא איז דאך זיכער פארשטאנדיק אז דא מיינט די תורה דער עיקר אז זי זאל זיין **מחוץ למחנה**, (כאופן הא' אז עס מוז זיין א מחנה) אבער די הקפדה איז ניט אז בדד ישב, און עס קען זיין אז מ'האט גאר געקענט גיין **צו** מרים וויבאלד עס דארף ניט זיין בדד ישב, ובמילא קומט דאך אויס עפ"י הנ"ל אז מרים האט געקענט ווערן טהורה דוקא אויב ס'וואלט געווען א מחנה.

עפ"י זה וועט מען פארשטיין מיט וואס עס באשטייט דער "חלק לה כבוד" מיט דעם וואס מ'איז ניט געפארן ווייטער: ווייל בשעת די אידן זיינען געפארן האב זיי דאך פאנאנדער גענומען דעם משכן ווי ס'שטייט ובנסוע המשכן כו', ובמילא איז דאך יעמאלט געווארען אויס מחנה, איז אויב די אידן וואלטן געפארען ווייטער (און עס וואלט ניט געווען קיין מחנה) וואלט מרים ניט געווארען טהורה, נאר זי וואלט געדארפט צוווארטן ביז מ'וועט צוקומען צו א צווייטען ארט און אויפשטעלן דעם משכן, און דאס וואלט געווען העדר הכבוד פאר מרים, אז זי וואלט ניט טהור געווארען פאר א משך זמן, און דערפאר זיינען זיי געבליבען דארטן בכדי לחלוק לה כבוד, זי זאל קענען ווערן טהור גלייך.

עפ"ז דארף מען נאך אלץ פארשטיין וואס זאגט דא רש"י "המקום" און ווי אויבענדערמאנט אז אין דער משנה שטייט "ישראל" און ווי ס'קומט אויס בפשטות פון פסוק "והעם לא נסע"?

נאר דער הסבר אין דעם איז: ווייל אין פשטות הכתובים שטייט אז די נסיעה פון די אידן איז געווען פארבונדן מיטן "ענן ה'" אז בשעת דער ענן פלעגט עולה זיין (ובהעלות הענן וגו') יעמאלט פלעגן זיי פארען, און אויב ניט, האבן זיי געמוזט ווארטן.

און דערפאר זאגט רש"י "חלק לה המקום כבוד", וויבאלד אז דאס וואס די אידן זיינען ניט געפארען איז דאס געווען מצד דעם ענן ה', וואס איז געבליבען און ניט עולה געווען, און דערפאר נעמט זיך דאס אלץ פון "מקום".

עפ"ז דארף מען אבער פארשטיין: פארוואס אין דער משנה שטייט "ישראל" בשעת דאס האט זיך גענומען מצד דעם ענן?

דער ביאור אין דעם איז: דא עפ"י הלכה איז ניט פארשטאנדיק: ס'יאז דאך הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים (ברכות לג, ב) איז ווי האט דער ענן געקענט מכריח זיין די אידן זאלן בלייבן פאר מרים (אפגעבען כבוד) בשעת עס דארף זיין בחירה חפשית?

מוז מען דאך זאגען, אז ניט וואס די התחלה האט זיך גענומען פון דער ענן, אז וויבאלד עס האט ניט עולה געווען דערפאר האבן די אידן געמוזט בלייבען, נאר די התחלה איז געווען פון די אידן, אז וויבאלד זיי האבן ניט געוואלט פארען בכדי לחלוק לה כבוד האט דאך אויך ארויסגערופן מלמעלה ס'זאל ניט זיין ובהעלות הענן.

און ווי מען געפינט כמה וכמה דוגמאות, אז א איד האט בכח ארויס רופן א ענין מלמעלה, ע"ד במדה שאדם מודד מודדין לו מלמעלה - אין דעם אופן ווי א עמנשט פירט זיך פירט מען זיך מיט אים מלמעלה - און דערפאר איז אז בשעת הנותן סלע לצדקה ואומר בשביל שיחי' בני הרי זה צדיק גמור (פסחים ב,ב) (כאטש אז דאס איז שלא לשמה איז דאך לעולם יעסוק אדם שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה), זעט מען דאך דערפון אז דורך די הנהגה פון א מענטש רופט ער ארוים געוויסע ענינים מלמעלה ועד"ז איז אויך געווען דא, אז דורך דעם וואס די אידן האבן געוואלט איר אפגעבען כבוד, און ניט פארען ווייטער, האט דאם גע'פועל'ט למעלה ס'זאל ניט זיין עליית הענן,

און דערפאר זאגט די משנה "שחלקו לה ישראל" ד.ה. אז דאס האט זיך גענומען פון די אידן, אז זיי האבן ארויסגעבראכט אז זיי זאלן קענען בלייבען.

דאס אלץ איז בהלכה, אז דוקא אין הלכה איז שווער די קשיא פון הכל בידי שמים כו', כנ"ל, רש"י אבער איז דאך בלויז פשוטו של מקרא (בגלוי), ועפ"י פשוטו של מקרא קומט אויס ווי עס שטייט בפשטות ובהעלות הענן כו' אז די אידן זיינען געווען מוכרח דורך דער ענן, (און זיי האבן דא אליין גארניט אויפגעמאכט) און דערפאר זאגט רש"י אין פשוטו של מקרא אז "חלק לה המקום" מצד דעם ענן.

ס'בלייבט דאך אבער שווער: וואס לייגט צו רש"י דעם ווארט "מרחוק" כנ"ל?

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם א ענין וואס איז דא ניט פארשטאנדיק: וואס א שייכות האט דעם ווארטן פון די אידן אויף איר, צו דעם וואס זי האט עווארט אויף משה, אז דאס איז געווען אלץ א שכר פאר יענעם ענין?

וואס פון דעם וואס מען זעט אז די אידן האבן דא געווארט פאר איר מצד וואס זי האט געווארט אויף משה, איז מובן אז זיי זיינען איין ענין ולכאו', דארטן איז געווען א ענין של פיקוח נפש, משא"כ דא?

און אין דער חילוק פון פיקוח נפש ביז סתם ווארטן קען מען זאגן ב' חילוקים הפכיים: א) פיקוח נפש ראטעווען א אידן איז זייער א גרויסע מצוה, ומובן אז דאס קומט ניט צו סתם, וואס די אידן האבן געווארט פאר אים, אויב אזוי, ווי האט דאס געקענט קומען אלס א באלוינונג פאר אים ווארטן בשעת איר ווארטן איז געווען גאר א גרויסן ענין פון ראטעווען א אידן?

ב) י"ל באופן הפוך, מילא זי האט געווארט, ווייל דאס איז געווען פיקוח נפש, און איר ברודער, וואס ראטעווען א מענטשן איז א ענין וואס קומט אויס עפ"י שכל הפשוט, ובמילא איז ניט קיין גרויסע פלא פארוואס זי האט געווארט ביי משה, איז פארוואס קומט איר א גרעסערער שכר אז די אידן זאלן ווארטן פאר איר אויך בשעת דאס איז ניט פקוח נפש?

און אט די קושיא קומט רש"י פארענטפערן מיט דעם וואס ער לייגט צו דעם ווארט "מרחוק", ווייל אויב מיר זאלן זאגן אז דאס וואס זי איז געשטאנען דארטן איז געווען בכדי צו ראטעווען משה, פארוואס איז זי עפעס געשטאנען פון ווייטענס? זי האט געדארפט צו גיין לעבן משה און אים היטן?

מוז מען דאך זיכער זאגן, אז זי איז ניט געשטאנען צוליב אים ראטעווען, ווייל אזוי איז אויך מובן בשכל הפשוט, אז א קליינע מיידעל וועט גארניט קענען אויפטאן בשעת ס'קומען מצריים אדער בתי' בת פרעה וכו', ווארום זי איז דאך יעמאלט געווען פינעף יאר אלט, קען מען דאך ניט זאגען אז איר שטייען דארטן איז געווען צוליב ראטעווען משה.

(אעפ"י אז לפועל איז זי דאך געגאנגען זאגן איר מאמע יוכבד דעם גאנצן סיפור מיט בת פרעה און אז ער וויל ניט זייגען פון איר וכו', און דורך דעם איז משה געראטעוועט געווארן, איז דאך דאס אלץ געווען באופן נסי, וואס האט זיך געטראפן שפעטער, מרים אבער בשעת זי איז געגאנגען האט זי ניט געוואוסט פון דעם, און אז זי וועט קענען ראטעווען משה).

און דערפאר ווערט פארשטאנדיק ווי דעם ווארטן פון די אידן גלייכט זיך אויס מיטן ווארטן פון מרים פאר משה, ווארום מרים איז דאך ניט געגאנגען מצד פקוח נפש כנ"ל, און דאס איז רש"י מדגיש מיטן ווארט "מרחוק" ד.ה. אז דאס איז ניט געווען מצד פקוח נפש.

די הוראה דערפון איז: ווי מען האט פריער גערעדט אז אין די משנה שטייט "שחלקו לה ישראל" אז די אידן האבן אויפגעטאן למעלה די עננים זאלן בלייבן, וואס ס'איז דא אזעלכע וואס טענה'ן אז בשעה זיי ווילן טאן, אין עבודה קומט דאס אן זייער שווער, און זיי פרעגן, לכאו' האט דער אויבערשטער געקענט מאכן ס'זאל אנקומען גרינג?

איז אויף דעם זאגט מען אים, אז די הנהגה שלמע' נעמט זיך בלויז דורך זיין הנהגה, און ווי ער פירט זיך, פירט מען זיך מיט אים מלמעלה, און אויב ער וויל קען ער אויפטאן למעלה, פונקט ווי די אידן האבן אויפגעמאכט למעלה ס'זאל ניט זיין בהעלות הענן, וואס דורך דעם איז נשתנה געווארן די גאנצע סדר הנסיעה, און זיי האבן געמוזט בלייבן נאך א וואך אין מדבר, און די התחלה אין דעם נעמט זיך פון אים אליין.

"והבא לטהר מסייעים אותו" דארף דאך זיין דער "הבא" ער זאל אנהייבן זיך מטהר זיין, און יעמאלט טוט ער אויף מלמעלה ס'זאל זיין מסייעים אותו.

*　　　　*　　　　*



הנחה פרטית בלתי מוגה